איך גלייב נישט אז ס'איז א גזירת הכתוב, ווייל ס'איז זיכער דא צוויי דינים. אפילו מ'וועט נאך אנקומען אפשר באלד מיט טראכטן וואס איז היינט אז רוב מענטשן, איך למשל, עסט מען נישט קיין ברויט א גאנצע וואך, נאר א שבת מאכט מען א ברכה אויף די חלה. אבער אפילו פאר די פראבלעם, אפילו בזמן חכמים, האט זיך געמאכט אז א מענטש עסט נישט קיין פת, עסט נאר פיש, איך ווייס וואס היינט. אבער ס'האט נישט קיין געוויסע חשיבות.

## Speaker 1:

ס'איז דא די אידיע פון חשיבות, פת איז...

## Speaker 2:

ער עסט טאקע ברכה לעצמו, ער איז נישט קיין סעודה, ער איז זאט פון נאשן. אקעי, ער האט נישט געגעסן קיין סעודה, וואס ווילסטו טון? ער איז נישט שבע, ער איז שבע אבער נישט **"ואכלת"**, ער האט נישט קיין חשיבות.

## Speaker 1:

ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. ניין, ווייל דו קענסט מיר זאגן אזוי, אז ווען א מענטש, לאמיר זאגן א מענטש וואס עסט טאקע נישט, ער האט א מין א וועג פון עסן אז ער עסט צען מאל א טאג און האלט אין איין עסן קליינינקייטן, אזא נאשער. קענסטו זאגן אז ער האט טאקע קיינמאל נישט קיין קביעות סעודה, ער ענדזשויט אויך נישט אזוי שטארק די עסן, ער מאכט אייביג א גאנצע צייט זיכער נישט צו זיין הונגעריג. אבער אויב איינער האט יא א פולע קביעות סעודה פון א באנטש מיני פלייש, פארוואס זאלסטו נישט זאגן אז דאס איז זיין עיקר סעודה?

## Speaker 2:

די עיקר איז, מ'דארף פארשטיין די טעמא דקרא. וואס די תורה וויל, אזוי סתם הכרת הטוב אויף דיין העלט, אויף דיין וועלל ביאינג, אז דו זאלסט עסן קביעות סעודה.

## Speaker 1:

דאס איז דאך א שווערע זאך צו זאגן, פארוואס זאל מען נישט זאגן אז די זאך זאל בכלל זיין אין קביעות סעודה, ווארעוועך ס'איז קביעות סעודה?

## Speaker 2:

אזוי אלע האבן אבער ארויסגערעדט אז די נחתום מיינט נישט נאר קביעות סעודה, ס'מיינט דווקא דך משמרן. אויכעט קביעות סעודה, אויכעט קביעות סעודה, זעסטו דאך אויך אפילו היינט, יא?

**ברכת חמשת מיני דגן: קביעות סעודה, דריי סטעידזשעס, און די חילוק צווישן פת און לחם**

**דיסקוסיע: קביעות סעודה און די חשיבות פון חמשת המינים**

## Speaker 1:

ס'איז דא א געוויסע אידיע פון חשיבות. פארוואס? ווייל ער עסט טאקע ווייל ער מאכט א ברכה לעצמו. ער האט נישט קיין סעודה. ער איז זאט פון נאשן. אקעי, ער האט נישט געגעסן קיין סעודה. וואס זאל איך טון? ער איז נישט שבע, ער איז שבע אבער נישט באכילה. ער איז נישט קיין חשוב'ע אכילה.

## Speaker 2:

ניין, ווייל דו קענסט מיר זאגן אזוי, אז ווען א מענטש, לאמיר זאגן א מענטש וואס עסט טאקע נישט, ער האט א מין א וועג פון עסן אז ער עסט צען מאל א טאג און האלט אין איין עסן קליינינקייטן, אזא נאשער. קענסטו זאגן אז ער קובע נישט קיין סעודה, ער ענדזשויט אויך נישט אזוי שטארק די עסן, ער מאכט אייביג א גאנצע צייט זיכער נישט צו זיין הונגעריג. אבער אויב איינער האט יא א פולע קביעות סעודה פון א באנטש מיני פלייש, פארוואס זאלסטו נישט זאגן אז דאס איז זיין עיקר סעודה?

דער עיקר איז דאך, מ'דארף פארשטיין די טעם אין די קרא, וואס די תורה וויל אז דאס זאל מקורב זיין א טובה אויף דיין העלט, אויף דיין וועלל-ביאינג, אז דו זאלסט עסן א קביעות סעודה. דאס איז דאך א שווערע זאך. פארוואס זאל מען נישט זאגן אז די זאך זאל בכלל זיין אין קביעות סעודה, וואטעוועך ס'איז קביעות סעודה?

## Speaker 1:

די הלכה למעשה האט אבער ארויסגעלערנט אז אכילה מיינט נישט נאר קביעות סעודה, ס'מיינט דווקא די חמשת המינים. ווייל אויך אין קביעות סעודה, דו זעסט דאך אפילו היינט, יא? אויך אין קביעות סעודה האט געוויסע אזוי ווי סאושעל נארמס, אזוי ווי קולטור'אל הלכות. א סעודה קומט מיט א טישטוך, לאמיר זאגן. אין א רעסטאראנט, יעדע מאל קומט עס מיט א טישטוך, מיט עפעס אזא נעפקין. אן דעם הייסט עס נישט קיין סעודה.

אבער איך קען פרעסן א גאנצע טאץ פאטעטא טשיפס און זיין זאט. האסטו נישט געגעסן קיין סעודה. אבער ס'האט יא מיט שיעור, און ס'האט נישט מיט שיעור. ס'איז זיכער אז ס'האט צו טון מיט די עדות אז דו ביסט געזיצן און געגעסן. איך זאג נישט אז די זיצן מאכט די סעודה, אבער איך זאג, איך זאל נאך ארויס די ספרים אז ס'איז נישט אפגעפרעגט צו זאגן אז אפשר היינט איז די מנהג אז קיינער עסט נישט קיין סעודה. ס'איז טאקע פטור מן הדאורייתא. וואס זאל מען טון? דו וועסט זיך עסן א סעודה, וועסטו זיין חייב. מ'קען טענה'ן אנדערש, אבער איך זאג, אקעי, לאמיר לערנען ווייטער.

**הלכה ג: חמשת מיני דגן — דריי נעמען, דריי סטעידזשעס**

## Speaker 1:

איך האב געזען, לאמיר זאגן נאך די ערשטע צוויי הלכות, איך האב געזען אז דער רמב"ם מאכט זייער א שיינע מעשה, זייער א שיינע חלוקה פון די אנהייב פון די נושא פון חמשת מיני דגן, יא?

## Speaker 2:

**Speaker 2:**

ניין, איך מיין אז די הקדמה, לאמיר עס לערנען ווייטער.

**Speaker 1:**

קודם, **חמשת מינים, חמשת מינים הינם**, ס'איז דא פינף מיני דגן. פינף מיני... וויאזוי הייסט דגן אויף אידיש?

**Speaker 2:**

ניין, דער רמב"ם זאגט חמשת מינים, און נאכדעם גייט ער זאגן, די הייסן תבואה דגן פת. און דגן איז נישט איינע פון זיי. אקעי. ער גייט שוין זאגן.

**Speaker 1:**

אויטס, מינים...

**Speaker 2:**

ניין, ניין, חמשת המינים. ס'איז דא פינף מינים געוואוקסן. פינף מינים, ער זאגט נישט גארנישט. פינף מינים זאכן וואס וואקסן. **חיטים** וואס דאס איז ווייץ, **שעורים** איז בארלי, און **כוסמין, שיבולת שועל, ושיפון**. איז דא אסאך מיני שיטות וואס זיי זענען אין די היינטיגע, קאמפערד צו די היינטיגע מינים. וואס דער עולם נעמט אן איז מער ווייניגער אז כוסמין איז ספעלט, שיבולת שועל איז אויטס, און שיפון איז ספעלט, איך מיין אז ס'איז די אנדערע זאך, ריי. דאס זענען שפעטערדיגע ענינים. ס'איז דא אסאך מחלוקת'ן, אבער אזוי פירט מען זיך למעשה. ס'מאכט סענס, ווייל זיי פראדוצן זאכן וואס זענען זייער ענליך צו ברויט.

דאס איז דער כלל. און ס'שטייט אין רמב"ם, יא, אז **הכוסמין הן ממין החיטים, ושיבולת שועל והשיפון הן ממין השעורים.** דער רמב"ם מיינט פאר די שאלה וואס אונז האבן יעצט געזאגט, וויאזוי ווייסט מען אויב אויטס איז דאס? זאלסטו וויסן, אויב ס'זעט אויס ענליך און ס'איז ממין, איז עס דאס. אקעי.

**די דריי סטעידזשעס: תבואה, דגן, פת**

**Speaker 1:**

יעצט, די פינף מינים האבן דריי זאכן. ס'איז אזוי, ווייל למעשה קען מען אויך זאגן אז ס'איז דא צוויי מינים, חיטים ושעורים, ווייל כוסמין און זיי זענען זייערע קינדער, ס'איז אזוויו אבות ותולדות שוין. זאגט דער רמב"ם, די פינף מינים האבן דריי נעמען, דריי סטעפס, דריי סטעידזשעס.

איך וויל דער רמב"ם זאגט אונז דא, ווייל דער רמב"ם גייט זיך נאך זייער אסאך מאל צוריקקומען צו די צוויי וויכטיגע זאכן. אונז גייען זיך באגעגענען אין הלכות תרומות ומעשרות, און אין הלכות חמץ ומצה. אין די פרק אליין גייט מען אסאך לערנען וועגן תבואה, וועגן דגן, און וועגן פת.

**חמשת מינים אלו**, ווייסט ווי ער טוט אזוי אין הלכות אישות, זאגט ער דאך אלע מיני נעמען, אילנות, דאס, דאס, יענץ, שפעטער גייט ער זאגן די הלכות פון זיי. יא, דארט איז ממש א גאנצע פרק, אבער דאס איז אן הקדמה צו די פרק, און אפשר אויך צו נאך זאכן.

**חמשת מינים אלו כשהן שיבולים נקראין תבואה בכל מקום**, וועז ס'איז נאך אין די זאנגען. **ואחר שדושין אותן וזורין אותן**, מען קלאפט עס ארויס פון די זאנגען, **נקראין דגן.** אזוויו דער קעפל איז געווען חמשת מיני דגן, אדער בחמשת מיני דגן, יא. אבער דער רמב"ם איז מדייק נישט צו זאגן, ווייל דגן הייסט עס דווקא ביי א געוויסע סטעידזש הייסט עס דגן, יא. **וכשטוחנין אותן ועושין מהן קמח**, ווען מ'צעמאלט זיי, **ואופין אותו**, מ'מאכט א טייג, פון די מעל, און מ'באקט עס, דעמאלטס ווערט עס אנגערופן **פת**.

**דיסקוסיע: דער חילוק צווישן פת און לחם אין לשון מקרא און לשון חכמים**

**Speaker 2:**

יא, גוט. ווייל א פת און א לחם... תבואה און דגן איז זאכן וואס שטייט אין די חומש, יא? תבואה אתו דגן. וואס דארפסטו דא גיין? אבער פארוואס איז דא לחם? פארוואס רופט מען עס א פת, נישט לחם?

**Speaker 1:**

יא, לכאורה לחם מיינט אין די תורה... אויך לחם אין די תורה קען מיינען מער ווי דעם. לחם, סאמטיים זאגט מיר רש"י אז לחם מיינט סעודה בכלליות, יא?

**Speaker 2:**

ניין, ס'איז לחם, לחם, יא.

**Speaker 1:**

אה, מ'מיינט נישט דווקא לחם פת. אפשר וועגן דעם. פת איז א ווארט פון חז"ל וואס מיינט דווקא פת. די ווארט לחם אין די תורה קען מיינען אכילה. קען זיין אז ער איז געגאנגען עסן פת, און ס'וועט מיינען אז ער האט קובע סעודה געווען. פת איז... לחם מיינט מסתמא יא ברויט, נאר ס'איז געווארן אזא מין דוגמא...

**Speaker 2:**

קען זיין, אבער למעשה, למעשה, אין די גמרא ברענגט ער דאך א לחם, און ער זאגט דאך המוציא לחם מן הארץ. די גמרא זאגט דאך אז ס'קען מיינען א ווייב.

**Speaker 1:**

ניין, דאס איז ממש א דרשה, "וקימו לחם אשר אוכל". אבער איך האב נישט קיין דרשה, ס'קען זיין אז ס'איז פשוט פשט, אבער אפשר איז עס מער אזוי ווי וואס שטייט דארט ווייטער. אבער לחם איז נישט די זעלבע זאך ווי פת? אז לחם מיינט א ברויט?

**Speaker 2:**

ניין, איך ווייס נישט, אפשר אריגינעל, אבער למעשה אין די פסוק... אבער דו קענסט נישט זאגן אז המוציא לחם מן הארץ... דו קענסט נישט זאגן לחם אז ס'איז נישט פת. אבער אויב מ'זאגט די ווארט לחם, עטס מיינט אפשר מער זאכן ווי פת, און מ'זאגט פת, פת מיינט טייטש ברויט.

**חקירה: פת אין לשון מקרא — א שטיקל אדער א גאנצע ברויט?**

**Speaker 1:**

אבער די לשון מקרא איז פת צוויי, ווייל ס'איז תת פת. די תת פת...

**Speaker 2:**

ניין, פת שטייט אויך אין די תורה, אין דניאל, פת בג המלך, יא?

**Speaker 1:**

אה, פת בג המלך. פתאום, יא, פתאום, פת שטייט אין די... "פתאום יבוא". דניאל איז אבער טאקע ארמיש, ס'איז אן ארמישע ווארט. אבער שפעטער, אין ספרים שטייט "פתאום יבוא האדון אל היכלו", שטייט נישט?

**Speaker 2:**

אה, פתאום יבוא האדון אל היכלו, יא, יא. איך דמיין... פת שטייט יא אין די תורה, נישט אין די חומש, אבער אין... פת שטייט יא, "ואקחה פת לחם". זעטסט עס דא, פת לחם? וואס איז דאס פת לחם? איז עס א קוואנטום ברויט?

**Speaker 1:**

וואס איז דאס וואס דו זאגסט פתאום מיינט? מאך פון דאס ברויט א לאך, אזוי ווי?

**Speaker 2:**

ניין, אזוי מיינט עס נישט. נישט קלאר. מיר דארפן וויסן וואס פת מיינט. פת לחם... ס'שטייט איינמאל אין די תורה פת לחם, ביי אברהם אבינו. זאגט ער, ס'שטייט אויך גלייך נאכדעם די ווארט "סעדו", אזוי ווי שביעה. אז פת לחם איז וואס ברענגט שביעה. אבער פארוואס שטייט פת לחם?

פת לחם איז טאקע פאני. איך האב יעצט גע'דיסקאווערט א ווארט אין חומש וואס איך האב נישט געוואוסט אז ס'שטייט, פת לחם. איך האב געמיינט אז

ס'שטייט ביידע ווערטער, אדער פת אדער לחם, נישט די זעלבע זאך. זעט אויס אז נישט. אה, קען זיין אז אין חומש מיינט פת א שטיקל, אזוי ווי "פותח את ידך"?

### Speaker 1:

ניין, מיר זאגן פת לחם, א שטיקל ברויט. אזוי ווי... ס'איז דאך דא פרס כדי אכילת פרס. פרס מיינט אויך א שטיקל, און ס'מיינט אויך א סלייס ברויט. איז געווארן אז א סלייס איז א שטיקל.

### Speaker 2:

זייער גוט, אפשר פרס איז לשון חלה, וואס מ'האט די מערסטע געסלייסט, און מ'האט עס אזוי אנגערופן. זייער גוט. האב איך געקוקט, אין די חומש שטייט פת לחם, "פוסו אותה פתים", פת לחם נאך ערגעץ וואו, און אין ספר שמואל, פת לחם, פת לחם. נאר אין ספר שמואל הייבט זיך אן צו שטיין פת אליינס, "מה פתאו". איך קען זיין מיט זיין ברעקל. כמעט איבעראל איז פת מיט ברויט, פת חרבה. וואס איז מיט די פסוק "משליך קרחו כפתים"?

### Speaker 1:

ניין, ווען ס'שטייט "פוסס אותה פתים" איז אייביג אנדערש. פתים מיינט ברעקלעך, סלייסעס, שטיקלעך. דא שטייט פת חרבה, פתחו ואכלו, פת לחם. געווענליך שטייט טאקע פת לחם. און דא שטייט "פתאום פתא". אה, ווארט, אפשר אויך דא אין די פסוק, "פתאום פתא" מיינט נישט געווען לחם. מ'האלט אינמיטן א לחם. דו עסט די ברויט, דו נעמסט א שטיקל ברויט, דאס איז געווען א דין דא אין די חומש. סאו פת טייטשט א שטיקל.

### Speaker 2:

די פת איז די אפגעשטיקלטע. די שטיקל וואס מ'האט אראפגעצועט ווערט יעצט א פת. זייער אינטערעסאנט. פון דעם איז געווארן די מציאות פון א פת, מ'שניידט א שטיקל.

### Speaker 1:

אבער אין לשון חכמים אוודאי מיינט פת די גאנצע ברויט.

### Speaker 2:

סאו אפשר דאס איז טאקע די חילוק. אין די חומש מיינט פת א שטיקל אלעמאל. א שטיקל, געווענליך א שטיקל ברויט. ס'איז דא, יא, "משליך קרחו כפתים", דאס איז א משל. דער אייבערשטער מאכט די שניי אזוי ווי א שטיקל, כאילו א שטיקל ברויט. אדער ביי די מנחה, אפשר איז עס נישט ממש א ברויט. אבער באופן כללי מיינט עס א שטיקל. אבער אין די חכמים, פת טייטשט לחם. טאקע אינטערעסאנט.

**הלכה ג (המשך): ברכת המוציא אויף פת**

### Speaker 1:

איז גייט ער צוריק צו זיין הלכה. ס'איז גראדע א נייע זאך, קיינער האט נישט געוואוסט. אקעי, איז גייט דער רמב"ם צוריק צו זיין הלכה, **והפת הנעשית מאחד מחמשת המינין** – די פת וואס מ'האט געמאכט פון איינע פון די חמשת המינין מיט וואס ס'האט אנגעהויבן די הלכה – **היא הנקראת פת בכל מקום, ולא הבאים**. ס'שטייט סיי ווי אין לשון חכמים "פת". ס'שטייט נישט אין ערגעץ "פת שעורים" אדער "פת הבא בכיסנין" אדער "פת דוחן". מיינט עס פת פון איינע פון די חמשת מיני דגן.

יא, יעצט וואס איז די הלכה פון די רמב"ם? וואס איז די הלכה? זאגט די רמב"ם, **האוכל פת חייב לברך לפניו "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם", דארף מען האבן שם ומלכות אין די ברכות, "המוציא לחם מן הארץ"**. דאס איז זייער א שיינע ברכה. די אייבערשטער וואס נעמט ארויס, וואס האט געמאכט א כח אין די ערד אז ס'זאל ארויסברענגען, אז ס'זאל ארויסציען לחם.

**חידוש: המוציא לחם מן הארץ – א קאמבינאציע פון טבע און שכל**

### Speaker 2:

יא, אבער די געדאנק איז זייער אינטערעסאנט, ווייל לחם איז עקזעקטלי די זאך וואס קומט נישט מן הארץ. מן הארץ וואקסט דגן, תבואה, און מענטשן נעמען דעם, זיי דש'ן, זיי מאלן, זיי מאכן לחם. אויף דעם זאגט מען אז די אייבערשטער האט געגעבן פאר מענטשן די שכל, ס'זאל ארייגעבן די גאנצע סדר. דאס הייסט אז לחם איז א קאמבינעישאן פון די ערד, אבער אויך פון די חכמה אלוקית, פון די שכל וואס א מענטש קען האבן צו מאכן ברויט, צו פראגרעסן.

און ביידע איז די אייבערשטער'ס כוחות, און ביידע מיחס זיין מיר צו די אייבערשטער.

### Speaker 1:

איך האב געזען די רמב"ם און נאך איינער זענען זיך נוקם אויף די "הא". ס'שטייט נישט "הבורא" אדער "השהכל". זאגן זיי אז על כל פנים דאס איז וויכטיג, ווייל "עולם מוציא" וואלט געווען א פראבלעם. די רמב"ם האט גערעדט אין קריאת שמע, אז ווען ס'איז דא צוויי אותיות איינס נאכ'ן צווייטן, "אלקינו מלך העולם מוציא" וואלט געווען א בלע, וואלט עס נישט גוט ארויסגעקומען, האט מען געמאכט "המוציא". די גמרא זאגט אז בעצם "מוציא" מיינט, מ'קען זאגן ביידע. יא, די גמרא האט עפעס א שמועס וועגן דעם, אז "המוציא" איז זיכער גוט, און "מוציא" איז א שאלה.

**הלכה ג (המשך): געקאכטע דגן – דייסא און שליקא**

### Speaker 1:

יעצט זאגט די רמב"ם, וואס טוט זיך אויב מ'האט געגעסן די זעלבע פון חמשת מיני דגן, אבער וואס מ'האט נישט געבאקן? די רמב"ם האט געזאגט "באופן הנעשה ונקרא פת". וואס טוט זיך ווען מ'מאכט די קמח, אבער מ'טוט דערמיט עפעס אנדערש, מ'קאכט עס? **כמו שעושין מעיסה וקורין לה דייסא**. מ'האט געקאכט די דגן, מ'האט גענומען די ברעקלעך דגן, די קערלעך, יא, מ'האט געמאכט אזא סיריעל, מ'האט געקאכט די תבואה, **שליקא כמו שהיא**, געקאכט אן קיין אנדערע ספייסעס. מבושל מיינט געווענליך מיט עפעס. שלוק מיינט געקאכט מיט וואסער, פלעין. איז עס טאקע מין הדגן, אבער היות מ'האט נישט געמאכט קיין פת הייסט עס נישט לחם, איז די ברכה **בורא פרי האדמה**, אזוי ווי אנדערע ירקות, אזוי ווי אנדערע זאכן וואס מיר גייען שפעטער לערנען, אז א זאך וואס וואקסט, מאכט מען א בורא פרי האדמה. א גאנצע זעלבע מין, די מין איז נאר ווען מ'האט געמאכט דעם פת.

**ברכות אויף דגן: פון תבואה ביז מעשה קדירה**

**הלכה ג (המשך) — ברכה אויף געקאכטע תבואה (שלוק כמות שהיא)**

### Speaker 1:

יא, מ'האט געמאכט אזוי סיריעל, מ'האט געקאכט די תבואה שלוק כמות שהי, געקאכט אן קיין אנדערע ספייסעס, דאס הייסט, מ'בישלט געווענליך מיט עפעס. שלוק מיינט געקאכט מיט וואסער, פלעין. איז עס טאקע מין דגן, אבער היות מ'האט נישט געמאכט קיין פת, הייסט עס נישט לחם, איז די ברכה בורא פרי האדמה, אזוי ווי אנדערע ירקות, אזוי ווי אנדערע זאכן וואס מיר גייען שפעטער לערנען, אז א זאך וואס וואקסט, אפילו א גאנצע זעלבע מין, די מין איז דאך די זעלבע, מ'האט געמאכט א לחם. ניין, דער לחם איז דער מין וואס מ'האט צו דעם צוגעלייגט די אלע מענטשליכע חכמות פון מאכן לחם. אויב האט מען עס גענומען כמות שהי פון די ערד און געקאכט, זייער גוט, דעמאלטס איז עס נישט קיין לחם, דעמאלטס איז עס פלעין דגן, איז עס אדמה.

ס'מאכט זיך, מענטשן ווייסן נישט אלעמאל אזוי, ס'איז דא סיריעלס טאקע אזוי, ס'איז דא אנדערע זאכן וואס מ'מאכט פון אויטס אדער פון זאכן וואס איז נישט געבאקן, גראנאלע און אזעלכע סארט זאכן. דעמאלטס איז עס געבאקן, אבער ס'איז דא וואס מ'מאכט וואס נישט, אזעלכע נאשעריי, דעמאלטס דארף מען מאכן אדמה. זייער גוט.

**ברכה אויף קמח**

אכל קמח, סא ער גייט אויך לויט די סדר, וואס טוט זיך נישט דגן, ס'איז שוין געווען קמח, מ'האט עס צעמאלן אבער מ'האט עס נאכנישט געבאקן. און דעמאלטס, דאס איז בכלל נישט די סדר פון מענטשן צו עסן, מברך עליו שהכל, פאר די סיבה ווייל ס'הייסט נישט, ס'איז גארנישט, ס'איז נאכנישט קיין ברויט און ס'איז שוין נישט קיין ירק. מ'רעדט באופן אז מ'קען עס עסן סאמהאו, ווייל אויב א מענטש עסט סתם פאודער, לכאורה איז בכלל נישטא אויף דעם קיין ברכה, ס'הייסט נישט געגעסן. אבער מ'לייגט צו צוקער, מיט צוקער און חלב, איך קען מאכן פון דעם פסא נש. אויב מ'מאכט עפעס דערפון, אקעי, שהכל, מברך עליו שהכל.

## Speaker 2:

ניין, איך האב פארשטאנען אז דאס וואס ס'איז נישט די סדר צו עסן איז די סיבה פארוואס מ'מאכט נישט מער קיין חשוב'ע ברכה. דאס וואלט מיך געוואונדערט.

## Speaker 1:

איך ווייס נישט, אזוי שטייט דא? ס'איז נישט קיין דגן, עני זאך, עני וועדזשטעבל וואס דו נעמסט, עני פרי וואס דו נעמסט, ס'איז נישט קיין לחם, עני פרי וואס איז צעמאלן און ס'פארלירט זיך די צורת הפרי, און מ'מאכט פון דעם שהכל. נישט נאר ביי א דגן, אפילו דגן. דגן וואס איז נישט קיין לחם איז בעיסיקלי אזוי ווי עני אנדערע זאך וואס וואקסט פון די ערד. דאס איז בעיסיקלי די הלכה דא. דאס איז אינטערעסאנט, ס'איז פשט אז די תבואה איז אדמה, נאר מען פארלירט עס אפילו די אדמה וואס עס ווערט א שהכל, און נאכדעם ווערט עס א המוציא. ס'איז א ירידה לצורך עליה וואס ער גייט דורך. תורה פאר סעודה שלישית. זאגט דער רמב"ם ווייטער, אוכל פת... אה, האבן מיר דאס געלערנט. יא. זאגט דער רמב"ם ווייטער.

דא וויל ער זאגן אז ס'ווענדט זיך, אז ס'איז דא א סארט קמח וואס מאכט יא אדמה, אויב ס'האט יא פתיתים הראויים לאכילה. דער רמב"ם רעדט בקיצור. אה, אויב ס'האט נישט די תורה... אה, אדמה... עפעס נישט. אקעי, לאמיר זען ווייטער.

**הלכה ד — קמח שקלאו ועירבו (געבראטענע קמח געמישט מיט פליסיגקייט)**

וואס טוט זיך? מ'האט נישט געקאכט פלעין דגן, נאר מ'האט גענומען קמח און מ'האט עס געקאכט אין אנדערע וועגן. מ'האט נישט געמאכט קיין פת, מ'האט געמאכט אזוי: **קמח של אחד מחמשת המינים שקלאו**, מ'האט עס געבראטן. וואו אזוי הייסט דאס? "לחם וקלי וכרמל", יא, קלי איז דאס, געבראטענע קמח. **און נאכדעם, וערבו במים או בשאר משקין**. ס'איז עפעס אזא סיריעל, אדער אזא פארינע, אזא סארט זאך. **אם הוא עבה כדי שיהא ראוי לאכילה ולא עבה עד שיהא גס**, אויב ס'איז געווען געמאכט פון אזא ווי א טייג, געמאכט פון א רביכה, און מ'האט עס נישט ארויסגעשלונגען, נאר די חילוק איז צו מ'עסט עס מיט א לעפל אדער מיט א קאפ. איז זייער גוט. **מברך עליו בתחילה בורא מיני מזונות**. א זאך אזוי ווי דו זאגסט פארינע וואס מ'עסט מיט א לעפל, מאכט מען אויף דעם בורא מיני מזונות. **ואם הוא רך כדי שיהא ראוי לשתיה**, אויב איז דאס אזוי נאס אז מ'טרינקט עס אזוי ווי ס'וואלט געווען א טרינק, **מברך עליו בתחילה שהכל ולבסוף בורא נפשות**.

**דיסקוסיע: שעקס און די חילוק צווישן עסן און טרינקען**

ס'איז זייער אינטערעסאנט. א שעק, אויב איינער האט... ניין, טראכט פון א פארינע. אויב איינער האט א געדיכטע פארינע וואס מ'עסט מיט א לעפל, איז דאך א בורא מיני מזונות. אויב איז דאס זייער וואסערדיג מיט אסאך מילך און מ'קען עס טרינקען פון א קאפ, וועט עס ווערן א שהכל און א בורא נפשות. אזוי וואלט איך געזאגט, על כל פנים. מ'דארף נאך קוקן וואס די פוסקים זאגן.

אויב מ'מאכט א שעק, מענטשן מאכן היינט שעקס, מ'צעמאלט עפעס, ס'קען זיין פון עפעס א מזונות זאך, מאכט מען א שהכל, ווייל ס'איז א געטראנק.

**הלכה ד (המשך) — מעשה קדירה**

**קמח של אחד מחמשת המינים שבישלו בקדרה**. וואס טוט זיך אז א אנדערע וועג וואס מ'האט געטון מיט די קמח, מ'האט עס געקאכט אין א טאפ. **בין לבדו בין שערבו עם דברים אחרים**. כגון, סיי אליין, די קמח אליין האט מען געקאכט, אנדערש ווי פריער וואס מ'האט שלוק געווען, ס'איז אויך פלעין געקאכט, אבער אינדערצווישן איז געווען מיט די דגן. דא טוט מען דאס מיט די קמח. אה, פריער אויך מיט די קמח? ניין, פריער איז געווען האט ער געזאגט די... אה, אויב איז דגן שלוק, שלוק עד שיתמעך. און דאס איז שלוק, אויך שלוק, אבער ס'איז קמח.

**וכן בדברים אחרים, כגון לביבות**, אזוויוי איך מיין אונזערע לאטקעס, קרעמזלעך, וואס איז מעל מיט, לאמיר זאגן, מיט מילכיגס אביסל. **וכן הדגן שחלקו או כתשו ובישלו בקדירה**, מ'האט גענומען א שטיקל צוויבל, מ'האט גענומען די דגן, נאכדעם האט מען עס צעמאלן, און מ'האט עס צעהאקט, אדער צו אנדערע אופנים, האט מען געמאכט דערפון א סירעאל און געקאכט אין א טאפ. זאגט ער, כגון, ער רופט עס אזוויוי סארטן, איך מיין, ער רופט עס, ס'זעט מיר אויס אזוויוי א פארינא, א גריס, א גערשטל, איך ווייס נישט פונקטליך פון וואס ער רעדט פון איינע פון די זאכן.

בכל אופן, **כל אלו נקראו מעשה קדירה**, דאס ווערט גערופן מעשה קדירה, מיינט דגן וואס מ'האט אנשטאט צו מאכן דערפון א פת, האט מען געמאכט דערפון א מעשה קדירה. וואס איז די הלכה מיט דעם? **וכן כל תבשיל שיש בו אחד מחמשת המינים**, אן אנדערע זאך, א זאך וואס איז א געהעריגע תבשיל, לאמיר זאגן א זופ, וואס מ'האט אים אריינגעלייגט אביסל פון די חמשת המינים. און אויף דעם איז שוין נישט קיין חילוק וואס מ'האט אריינגעלייגט, אפילו מ'האט אריינגעלייגט פת, אבער ס'איז נאר א חלק אין א תבשיל, ס'איז נאר אריינגעמישט אין א תבשיל, **די אלעס מברך עליה בורא מיני מזונות**.

דאס הייסט, קמח איז דאך שוין נישט קיין... קיין אדמה מאכט מען שוין נישט דערויף. און יוצא, ס'זעט אויס אז ס'איז מער חשוב ווי א שהכל, ווייל די אכילה האט געמאכט פון דעם א נארמאלע זאך. דאס וואס מ'מאכט נאר א שהכל אויף קמח איז נאר ווען ס'איז סתם, מ'עסט קמח אליין, ס'האט נישט קיין נידערשטאנד, ס'האט נישט קיין גארנישט, איך ווייס נישט וואס ס'איז. אבער דא האט מען געמאכט פון דעם א זופ, א מעשה קדירה.

און בכלל, די אלע זאכן וואס קענען געבן פול, ס'איז פול נארישינג, אזוויוי א פול מיעל פאר א מענטש, ווייל ס'איז נישט קיין שהכל וואס מ'וואלט געמאכט אויף א נאש, א סנעק. אבער קיין פת איז עס שוין נישט, קיין המוציא קען מען שוין נישט מאכן, מאכט מען בורא מיני מזונות.

**הלכה ה — עיקר וטפל ביי חמשת המינים**

זאגט די רמ"א ווייטער, במה דברים אמורים, אויף די זאך וואס מ'האט יעצט ג��רעדט וועגן דעים וואס מ'האט אריינגעמישט. דאס איז די כלל, כאילו די רמ"א האט ווי אזוי רופט מען דאס? אה, אה, אה. יא, פארשטייסטו? שטימט? יא, אויב מ'מאכט א מזונות'דיגע זופ אדער אזאנס זאך, איז עס מזונות. דאס איז די הלכה וואס שטייט דא, יא? שטימט? יא. סטאפ א רגע.

די רמ"א האט דא געזאגט, דאס איז די הלכה כאילו וואס זאגט, די וועלט רופט דאס די הלכה אז מצה, אז דגן חמשת המינים ווערט נישט קיין טפל. כאילו אפילו דו מאכסט אן אנדערע זאך און דו לייגסט אריין אין דעם קמח, ווערט עס בורא מיני מזונות. זייער גוט. אבער די רמ"א גייט זאגן יעצט די תנאי דערפון. די רמ"א זאגט אזא תבשיל וואס האט אביסל חמשת מינים, דאן קומט יעצט א בורא מיני מזונות. הגם די תבשיל אליין וואלט מען וועלן לכאורה געזאגט מאכן א שהכל, למשל א זופ וואס איז געמאכט פון, איך ווייס, געווענליך מיט וואסער און מיט פלייש און זאכן וואס איז שהכל, א טשאלנט. אבער ווייל מ'הייבט אן אריינלייגן דערין קניידלעך מיט זאכן, א לאקשן ווערט עס א גרשן, און די טשאלנט ווערט עס א מזונות.

**וזהו שאמרו אם היה עושה מין חשוב עליו לא יוצא טפלה**, אז די מין פון די חמשת מינים, דאס הייסט די בארלי וואס ער לייגט אריין אין די טשאלנט איז זייער וויכטיג, ס'איז אן עיקר פון די טשאלנט. **אבל אם היה מין חמשת**

**מינים שעירב טפלה**, ס'איז נאר א טפל, מ'האט עס נאר אריינגעלייגט אלס א טפל, אלס א זייטיגע, נישט קיין מעין אינגרידיענט. דאס איז וואס טפל טייטשט, **אינו מברך אלא על העיקר**, מאכט מען אויף די עיקר, אויף דאס וואס די עיקר וואלט געווען, **והוא למשל שהכל**, אויב די עיקר איז וואסער און פלייש, **ופוטר את הטפלה**.

זאגט די רמ"א, **וזה כלל בברכות**, דאס איז א כלל נישט נאר אין די ספעציפישע זאך פון בורא מיני מזונות וואס מ'לייגט אריין אין א תבשיל, נאר ס'איז א כלל כללי, **אז כל שיש עיקר ועמו טפלה**, ווען מ'עסט א זאך וואס דאס איז די עיקר אכילה, און מיט די עיקר אכילה קומט מיט א טפלה, **מברך על העיקר**, מאכט מען די ברכה אויף די עיקר זאך וואס מ'עסט, **ופוטר את הטפלה**. ער גייט שוין מסביר זיין. **בין שאוכל הטפלה מעורבת עם העיקר**, סיי אויב ער עסט ביידע אויף איין מאל, די טפל און די עיקר זענען געמישט ווי א סענדוויטש. ס'איז געווארן, אפילו מער ווי א סענדוויטש, ס'איז אלעס געווען מער פריער די טייג, ס'איז צוזאמגעמישט, ס'איז געווארן איין געקעכץ. **בין שאינו מעורב**, אפילו אויב ער עסט עס אן עקסטערע זאך. אינגאנצן נישט. אפילו נישט קיין סענדוויטש, אפילו מ'עסט עס אינגאנצן עקסטער, די עולם כאפט נישט. איך ווייס נישט, דאס איז דער חילוק. איך ווייס אפילו נישט קיין איין זאך וואס איז מסביר פארוואס. פארשידענע תירוצים וואס מ'האט, אבער אזוי דאך, יא? אפילו ס'איז אינגאנצן נישט מעורב.

**הלכה ו — טפלה מעורבת: וואס הייסט "טפל"?**

איז דער רמב"ם זאגט, **"תפלה המעורבת"**. וואס טייטש א תפלה וואס איז צאמגעמישט? זאגט דער רמב"ם, **"לפת או כרוב שבישלן, ומעט קמח של חמשת המינין נתן לתוכן כדי לדבקן"**. א מענטש האט געקאכט מערן אדער קרויט, ער האט אריינגעלייגט קמח של חמשת המינין, אבער די סיבה פארוואס ער האט עס אריינגעלייגט איז **"כדי לדבקן"**, ס'איז צו מאכן אז ס'זאל זיין געדיכט, ס'זאל קלעבן, ס'זאל זיין... ער האט עס נאר געלייגט פאר די טעקסטשור. **"אינו מברך עליו בורא מיני מזונות, שהלפת הוא העיקר, והקמח טפל לו"**. ער מאכט נישט קיין בורא מיני מזונות, ווייל די לפת איז די עיקר, די זאך וואס ער האט געקאכט, די לעטשא, וואטעווער ס'איז, איז די עיקר, און די קמח איז טפל. אזוויי מיר זאגן, מ'לייגט עס אסאך מאל אריין פאר טעקסטשור, אז ס'זאל זיין אביסל הארטליך. ער וויל נישט דא עסן קמח, ער וויל עסן לפת, און די קמח דינט אים דא פאר זיין...

זייער גוט. דאס איז ווייל די פוסקים זענען מענטשן זייער צעמישט וועגן דעם. אבער דער תירוץ איז זייער פשוט. פרעגסט א מענטש, דו ווילסט עסן אביסל מזונות יעצט? ניין, דו ווילסט עסן וועדזשטעבלס. א גוטע וועדזשטעבל קומט מיט אביסל קמח. אבער ביי די טשאלנט, למשל, פרעגסט אים, וואס ווילסטו עסן? ער וויל עסן א טשאלנט. וואס איז טשאלנט געמאכט פון? אביסל קמח, אביסל דאס, אביסל יענץ. ס'איז אנדערש, רייט?

רייט. לאמיר זאגן למשל, א מענטש עסט א סעלעד, און ס'איז דא דארט אביסל קרוטאנס. ער וויל יעצט עסן א סעלעד טאקע, ווייל געוועהנליך א מענטש עסט א סעלעד ווייל ער וויל נישט עסן קיין קארבס, ווייל ס'איז געזונט און דאס. און מענטשן האלטן אז א סעלעד וואס האט אן אביסל... א קליין שטיקל ברויט, ער האט צוגעגעבן טעם. אקעי, לאמיר זאגן ס'שטייט דא טעם. אבער לאמיר זאגן, ס'איז א טפל. וואס טייטש טפל? לאמיר זען. אקעי, מ'גייט שוין זען.

**דער רמב"ם'ס הגדרה פון טפל**

אה, **"שכל מה שמערבין אותו"**, זאגט דער רמב"ם אזוי, יא, קלאר. **"שכל מה שמערבין אותו כדי לדבק, או כדי ליתן ריח, או כדי לצבוע את התבשיל, הרי הוא טפל. אבל אם עירב כדי ליתן טעם בתערובת, הרי הוא עיקר"**. דאס מיינט ממש טפל. אבער אויב מ'האט עס אריינגעמישט כדי צו געבן א טעם, איז דאס יא די עיקר. איך מיין אז נאך אלץ... לפיכך, איז דער רמב"ם מסביר, וואס טייטש אריינגעלייגט כדי צו געבן א טעם? דבשה מבשל עשוי, א האניק וואס מ'קאכט.

וואס נאך? חלב חיטה. מ'לייגט אריין דארטן עפעס אזא... אלמאנד מילק, אזא זאך.

**Speaker 2:**

ניין, פון די חיטה.

**Speaker 1:**

חלב חיטה.

**Speaker 2:**

מ'לייגט פעטס פון די חיטה קען זיין. אבער ס'איז דא אזא פארט פון די חיטה.

**Speaker 1:**

ניין, ס'איז א מעל אדער ס'איז א געטראנק ארט?

**Speaker 2:**

ס'איז נישט קיין געטראנק, ס'איז א געטראנק ארט.

**דיון אין הלכות עיקר וטפל — דג מליח, סאלאד מיט קרוטאנס, און די גדרים פון "ליתן טעם"**

**המשך הלכה פון תערובות — דוגמא פון דבש מיט חלב חיטה**

**Speaker 1:** אבער איך מיין אז נאך אלעם, לאמיר שוין זען. לפיכך, זאגט דער רמב"ם, וואס טייטש אריינגעלייגט כדי צו געבן א טעם? **מיני דבש שמבשלים אותם, ונותנים בהם חלב חיטה** — האניג וואס מ'קאכט, מ'לייגט אריין אזא... אלמאנד מילק, אזא זאך? ניין, פון די חיטה, מ'לייגט פעטס פון די חיטה, כ'ווייס נישט וועלכע פארט פון די חיטה.

**Speaker 2:** ניין, ס'איז א מעל, אדער ס'איז א געטראנקעקטס?

**Speaker 1:** אה, א סארט מעל לייגט מען אריין, אבער מ'לייגט עס אריין כדי לדבק. איך מיין אז ס'איז אפשר א נאסע זאך, איך ווייס נישט וואס דער טייטש.

**Speaker 2:** ניין, פארקערט, לכאורה דבש איז גענוג... מ'וויל מאכן די דבש זאל זיין הארטער, מ'וויל מאכן דערפון למשל קוקיס. לייגט מען אריין א סארט... בקיצור, אנשטאט עסן האניג, דבש איז צו סאפט, ס'איז שווער צו עסן האניג. מאכט מען אים אזא... ס'איז דא א האניג קוקי, אזא זאך. מ'לייגט אריין ווייניג, ס'זאל זיין א קוקי.

**Speaker 1:** איר מיינט צו זאגן מ'מאכט פון דעם א קענדי.

**Speaker 2:** א קענדי וואס מ'מאכט אזוי לדבק. **אינו מברך עליו בורא מיני מזונות, נאר שהכל, שהדבש הוא העיקר** — די דבש איז דער עיקר.

**חידוש אין פארשטייין "ליתן טעם"**

**Speaker 2:** סאו ווען ס'שטייט דא **"אבל אם עירב כדי ליתן טעם והוא הרוב הרי הוא עיקר"**, מיינט ער נישט אז אויב ס'געט סתם א טעם ווערט עס דער עיקר. ס'טייטש, ווען איך קום צוריק צו די סאלאד, ווייל דער רמב"ם האט געזאגט **"כדי לדבק או כדי ליתן צבע או תפשין"**, און די אנדערע איז **"ליתן טעם"**. אבער די דוגמא פון "ליתן טעם" איז ווען דאס איז די עיקר טעם וואס ער וויל. אבער איך קום צוריק צו מיין סאלאד, די עיקר טעם אין די סאלאד איז נישט די פאר שטיקלעך ברויט קראטאנס וואס מ'לייגט אריין. ס'געבט א געוויסע... ס'געבט א קריספ, ס'געבט א געוויסע טעם.

אבער ניין, ניין, ער זאגט אז דער רמב"ם זאגט "טפל", זאגט ער ממש גארנישט פאר טעם. ער זאגט נאר קלעבן, ריח און תפשין, וואס דאס זענען ממש טפל. איינער לייגט אריין אביסל פון א געוויסע קאליר צו געבן א קאליר, וואס איז זיכער א... אבער ער זאגט דא נישט ווען ס'האט צוויי טעמים. און נאכדעם די האניג זאך, פילט מען בכלל נישט קיין חיטה, מ'פילט האניג, נאר האניג.

נו, סאו וואס טייטש "הרי הוא עיקר"? **ערב כדי ליתן טעם בתערובת הרי הוא עיקר** — איך מיין אז ס'איז נישט מערב. איז דאס דיקא ווייל דו האסט עס אריינגעלייגט צו געבן א טעם. איך מיין דאס איז נאר למשל עפעס וואס

האט א... ס'קען זיין לויט די רמב"ם, עניטינג וואס האט א לעמאן פלעיווער, מען דארף מאכן... איך מיין מיט עכטע אונז, סתם איז א דזשוי הייסט קיין עכטע. אבער די האניג קוקי וואס מען מאכט, אוודאי דער טעם דערפון איז די האניג. ס'איז נישט קיין חילוק, אבער וואס... אבער איינער מאכט מזונות איז נישט קיין פראבלעם, די עיקר איז עניוועיס די מזונות, נישט ביי האניג קוקי.

**Speaker 1:** אויך זאג, מען מאכט נישט בורא מיני מזונות.

**Speaker 2:** אוודאי מאכט מען בורא מיני מזונות.

**Speaker 1:** ניין, דאך אמאל. וואס איז די דביק?

**Speaker 2:** יא, זייער גוט. נאכאמאל, לאמיר דאס איז קיין שאלה, ווייל דא פילט מען ממש נאר די האניג. אבער ווען דער רמב"ם זאגט **ערב כדי ליתן טעם בתערובת**... איז א זאך וואס האט מערערע טעמים אזוי... ס'איז נישט א שאלה...

**דער יסוד פון עיקר וטפל — נישט צוויי ברכות**

**Speaker 2:** לאמיר פארשטיין וועלכע שאלה רעדט מען פון דא? מען רעדט נישט פון א שאלה צו מען זאל מאכן צוויי ברכות. ס'איז נישט פון א שאלה. ווייסט אז די שאלה איז דא? איז עפעס אנדערש. ווען עס איז מעורב, מען קען נישט מאכן צוויי ברכות אויף א דבר מעורב. מען קען נאר מאכן איין ברכה דערויף. די איידיע פון מאכן צוויי ברכות אויף איין זאך איז... נישט קיין וועג. נישט דער רמב"ם רעדט אינדערהיים. ער מאכט איין ברכה.

יעצט וואס א ברכה מאכט מען אויף די עיקר און נישט אויף די תפל. יעצט קמח אדער דגן איז אלעמאל די עיקר. פארוואס איז אלעמאל די עיקר? ווייל ער איז דאך א קוקי! וואס איז ער א קוקי? ער איז קיין האניג! מ'איז געווארן צו עסן א געצא! מ'מזן! פאר דעם האט זיך מזונות! ער מאכט א קעניג א קגל, די אלע זאכן, זענען די מזונות די עיקר, און ער לייגט די אנדערע זאכן זענען תפל... דאס איז די הלכה וואס עס שטייט דאן! אזוי איז אויך אנגעוומען די פוסקים אלעמאל! די סאלארד ווערט אויף אזעלכע פאני זאכן וואס זענען נישט עכט מעורך! אזוי ווי די סאלארד וואס דו זאגסט, דו ווילסט וויסן אז די קרוטאן צו לייגט אין די סאלארד ווערט נישט די עיקר! איך הער!

**דיגרעסיע: טשאקאלעד מיט טייג — קעיק קעגן קענדי**

**Speaker 1:** אדער... ניי, איז א ביסל קאמפליצירט למשל, ווייל טשאקאלעד מיט טייג איז עפעס וואס מ'עסט יעדן טאג! אמאל הייסט עס טשאקאלעד טשיפ קוקיס, און אמאל הייסט עס טשאקאלעד וואס אינעווייניגען קאהט אזא שטיקל ברעסל! יא? ס'ענען ביידע טשאקאלעד! און דאס הייסט א שהכל ווייל ס'איז טשאקאלעד, וואס האט א פילונג. וואס איז די פראבלעם? ווייל א מענטש וואס זייער א קאקאוש קעיק האט כמעט נאר ליב די טשאקאלעד, happens to be אז דאס איז די סדר אייך ווייסן איך זאג.

**Speaker 2:** ניין, ניין, ניין. איז די חיים מאדן, מען רעדט פון דעם מענטש, נישט קיין דינעם וואס דער מענטש האט ליב. א קאקאוש קעיק איז א קעיק וואס דא שאלה, א קעיק איז נישט קיין קענדי. ס'איז דארט א זאך ווי, א מענטש וויל עסן פאסט וואס איז א ביסל זיסער. נאכמיטאג אנשטאט עסן פת געשמירט מיט פוטער, וויל ער אביסל זיסער און ער וויל עס עסן מיט טיי. אבער ס'איז דא אזויפיל זאכן וואס מ'געבט דיר א נאש, מ'האט ליב טשאקאלאד, אבער ס'איז א טשאקאלאד וואס איז אפשר צו זיס, לייגט מען אריין דערין אביסל... עס האט מער לחה, עס איז א גוועיסע באלאנס.

נאכאמאל, איך זע נישט וואס דער מענטש וויל, ער וויל נישט די שאלה. וואס ער עסט איז א קוקי אדער א קעיק. א קעיק איז א מזונות. ער וויל עסן מזונות, איז מעיקר איז א מזונות. אפשר ביסטו גערעכט אז די טשאקאלאד וואס מ'לייגט אריין דערין, א קליין קוקי'סל, אביסל א קראנטש, איך ווייס וואס, די זעלבע שאלה ווי די סאלאט. איך ווייס נישט אויב ס'ווערט א טפל, אויב ס'ווערט א מזונות. איך הער, איך קען מיך טראכטן, ס'איז נישט קיין קוקי. קענסט זאגן? איך ווייס נישט.

**חזרה צו די רמב"ם — די גדרים פון טפל און עיקר**

**Speaker 2:** וואס איך זאג נאר איז, אז דער רמב"ם האט אונז געגעבן צוויי אפציעס. אדער... ניין, דער רמב"ם זאגט אז ס'איז ממש א טפל, אדער וואס איז א תערובת, וואס איז ממש א עיקר, אזוווי די דבש. ער זאגט נישט וואס איז מיט די דריי טעמים. ער האט יא געזאגט, ער האט יא געזאגט **"לפת מקריב שבישלו וערב בו קמח"**, ניין, פארקערט. אבער די אנדערע זייט פון דעם, **די תבשיל שנתן בו... תבשיל שערב בו אחד מחמשת המינים**, וואס די זעלבע לפת וואס מ'לייגט אריין נישט פאר לדבקו נאר פאר לטעמו, מאכט מען א מזונות. ער האט יא געזאגט דאס. ער האט יא געזאגט די הלכה. אבער ס'זעט אויס אז נאר חמשת המינים איז די הלכה אזוי, ווען ס'איז א דוגמא מיט שהכל איז אנדערש. איז דאס די ענין וועגן ס'איז מזונות, ווייל מזונות איז א חשוב'ע זאך? אזוי איז אנגענומען. דער רמב"ם זאגט עס נישט. דאס איז קלאר. אין רמב"ם שטייט נישט דאס, קלאר. ס'זעט אויס אז נישט צו מאכן בורא מיני מזונות איז נאר ווען ס'איז די צור פון די וואס, ווען ער האט נאר געלייגט די מעל עס צו געבן עפעס... ס'שטייט נישט אין רמב"ם קלאר די הלכה.

**הלכה ז: טפלה שאינה מעורבת — דג מליח מיט פת**

**Speaker 2:** אקעי, לאמיר גיין ווייטער. לאמיר נעמען וועגן טפל. יא? **כיצד הטפל אינו מרובה** — וויאזוי קען זיין עיקר וטפל ווען ס'איז נישט געקאכט צוזאמען? אין די אוכל איז דא א שאלה פון עסן און טפל. ער זאגט טפל, טפלה, איך ווייס נישט צו ס'איז די זעלבע זאך, אדער... טפלה איז א גאנצע טפל און עיקר. די ווארט טפל זאגט ער נישט, ער זאגט טפלה. איך זאג סתם, איך ווייס נישט.

אקעי, **כיצד טפלה שאינה מירקות**? ער האלט אז ביי די עסן קומט א לשון נקבה, איך ווייס נישט.

**Speaker 1:** ניין, טפלה איז לשון המשנה.

**Speaker 2:** **כל שהוא עיקר**, אונז זענען צוגעוואוינט צו זאגן טפל. מ'דארף קוקן אין די דיקשינעריס וואס די חילוק איז, אפשר איז עס עפעס אנדערש. **כיצד טפלה שאינה מירקות**? אפשר טפלה איז לשון טבילה, אזוי ווי א זאך וואס מ'טונקט איין?

**Speaker 1:** ניין, ניין. טפל, טפל. טפל בלשון נקבה.

**דער רמב"ם'ס דוגמא**

**Speaker 2:** **הרשאי צריך לאכול דג מליח** – א מענטש איז צריך. ס'ווענדט זיך אין די לשון, הרשאי צריך, הרשאי אוכל. צריך.

**Speaker 1:** ניין, ניין, ער לייגט עס אראפ אזוי ווייל ס'איז גוט.

**Speaker 2:** ניין, די צריך איז מסביר די טפלה.

**Speaker 1:** ניין, ניין. ער וויל בעיקר וויל ער עסן די דג מליח, אבער ס'איז אים זייער שווער צו עסן די דג מליח אליין, עסט ער עס מיט א קרעקער, מיט א ברויט, **כדי שלא יזיק המלוח גרונו**. וואס מיינט שלא יזיק? ס'מיינט נישט געשמאק. ס'מיינט אז ס'איז צו שארף, שווער פאר זיין האלדז. ס'איז נישט טאקע נישט געשמאק.

**Speaker 2:** איך מיין ער מיינט נישט געשמאק. ווען א מענטש עסט א סיי וועלכע שארפע זאך, ער האט דאך פשוט ליב די שארפע טעם. ס'איז דאך זיכער, מחמת וואס ס'איז שארף וועט עס זיכער אווערפאווערן די טעם פון די ברויט. ער וויל נישט יעצט עסן ברויט, ער וויל עסן די דג מליח, א הערינג. איך זאג, אבער ס'איז אייביג אזוי, ווען א מענטש עסט א זאך וואס האט א שטארקע טעם און ער עסט מיט מיט דעם עפעס, איז דאך פשוט ווייל ער וויל עסן די זאך. אזוי ווי די חרוסת פון די מרור, ער נעמט די פת אראפצונעמען די שארפקייט, ער זאל קענען עסן. יא, ס'זאל קענען אראפגליטשן גרינגער.

**המברך על המליח** – מאכן מיר א ברכה אויף די מליח, אויף די שטיקל פיש וואס איך וויל עסן, ווייל דאס איז די עיקר. **פוטר את הפת** – און מיט דעם פת האט ער פוטר געווען, און ער דארף נישט מאכן קיין ברכה אויף די פת עקסטער. **וכן כל כיוצא בזה**.

**אנווענדונג אויף סאלאד מיט קרוטאנס**

**Speaker 2:** איך טראכט אז דיין קעיס פון די סעלעד קען זיין די זעלבע זאך, ווייל ער וויל עסן לעטוס, אבער ס'איז אים נישט געשמאק לעטוס אליינס, ס'האט נישט קיין שום קראנטש, לייגט ער אריין אביסל קראנטש. איך זע נישט פארוואס מ'קען נישט דאס אויך זאגן.

**Speaker 1:** ס'איז נישט לדבק, ס'איז נישט לדבק. דאס איז אפילו נישט מעורב, אפילו נישט מעורב.

**Speaker 2:** דאס איז א זאך וואס ער וויל נישט יעצט עסן קוקי, ער עסט נישט קיין קרוטאנס יעצט, ער עסט א סאלאד. ס'איז נישט געשמאק צו עסן סאלאד אז ס'איז צו סאפט, לייגט מען אריין עפעס א זאך וואס געבט א קראנטש. אזוויוי די מליח, איך זע נישט וואס ס'טוט זאלציג, לייגט מען אריין עפעס וואס איז נישט זאלציג. וואס איז די גאנצע חילוק?

**דיון: מהות פון "פוטר" — שאלת רשות אדער דאנק?**

**Speaker 1:** איך וויל זיך שטעלן אויף די ווארט "פוטר". ס'איז דאך דא אויך פריער, "פוטר". אזוויוי מיט די ברכה פטר'סטו, פארוואס פעלט אויס די ווארט "פוטר"? פשט, דו מאכסט א ברכה אויף די עיקר.

**Speaker 2:** דו מאכסט נישט קיין ברכה. דו טארסט נישט עסן אן א ברכה.

**Speaker 1:** אה, דו עסט נאך אויף די אנדערע שטיקל. די אנדערע שטיקל כאפט זיך מיט אזוי. ס'ווערט יעצט קאנסידערט ווי עפעס א שטיקל מזונות, ווייל מ'עסט עס מיט די מזונות.

**Speaker 2:** ס'איז איין זאך, די ווארט "פוטר" מיינסטו צו זאגן לויט דעם הלכה אז יעדע זאך וואס מ'עסט דארף מען האבן א ברכה. אבער אויב וואלט מען געזאגט אז די עיקר איז דאנקען דעם אייבערשטן אויף די סעודה, ס'איז נאר דא עפעס א תנאי אין דעם אז מ'זאל מאכן א ברכה, אויף יעדע זאך זאל מען האבן די ברכה מיוחדת.

**Speaker 1:** ניין, איך זאג אז די ווארט "פוטר" בפשטות ליגט אזוויוי דו זאגסט, אז ס'איז א פשט אז אויף יעדע זאך דארף מען אזוויוי א שאלת רשות, בעטן רשות פון אייבערשטן צו עסן. דו האסט נישט קיין רעכט. די בונדלעך האסטו א רעכט, אבער וואס איז מיט די באר ליולע פארקערט? ס'כאפט זיך מיט. אבער בפשטות וואלט מען געזאגט אז מ'מאכט א ברכה אויף די אייבערשטער פאר די עסן, ס'איז נאר דא אז ס'איז א שיינקייט פון די ברכה, אזוויוי מ'זאל זאגן יעדע מין בקשה וואס מ'דארף, זאל מען אויך זאגן א ספעציפישע ברכה אויף די סארט עסן.

**Speaker 2:** ווייט, ווייט, יו'ר עסקינג א דיפערענט קוועסטשן. ניין, באט לאמיר פארטראכטן איין מינוט. דו רעדסט צוויי אנדערע זאכן. קודם כל, האבן מיר געלערנט אז ברכה אחרונה איז מער אויף צו דאנקען דעם אייבערשטן. ברכה ראשונה איז יא אזוויוי א שאלת רשות, אזוויוי מיר האבן געלערנט אין פרק א'. אבער צווייטנס, דו רעדסט פון צוויי שאלות. דו רעדסט פארוואס זאל נישט יוצא זיין מיט די אנדערע ברכה. אבער די ענטפער איז נאר ווען ער מאכט א ברכה כללות'דיג, יא? אויב ס'איז אמת איז טאקע דאס די הלכה, מיר וועלן גיין זען. אויב ער זאגט "שהכל נהיה בדברו", קענסטו זאגן אז די שהכל גייט אויף אלעס. אבער ווען ער מאכט נאר מזונות, האט ער נישט געמאכט קיין אדמה. אדמה איז נישט קיין מזונות.

**Speaker 1:** ניין, איך זאג אז די עיקר ענין איז אז איך נעם רשות צו עסן פון די אייבערשטער'ס עסן. די אופן וויאזוי מ'טוט עס איז אז מ'זאל עס זאגן אויף א ספעציפישע עסן. אבער אויב ער האט ער געמאכט צו ספעציפיש, האט ער נישט גערעדט וועגן דעם בכלל.

**Speaker 2:** ניין, אבער אפילו ווען ער האט געזאגט ספעציפיש, האסטו נישט געמיינט איך האב געמאכט מיט'ן אייבערשטן א בורא פרי האדמה. איך האב גערעדט צום אייבערשטן וועגן טאמעיטאס, ממילא קען איך נישט עסן פאטעיטאס? ניין, איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אויף עסן.

**Speaker 1:** ניין, עס איז דא א תקנה מיר זאלן דערמאנען די געוויסע מיני עסן.

**ברכות פרטיות און כללות, צורת הפת, און פת הבאה בכיסנין**

**דיסקוסיע: קען א ברכה פרטית פטר'ן אנדערע מינים?**

**Speaker 1:** אקעי, אבער דו נעמסט רשות פאר אן איינדיג. די חכמים האבן געזאגט, די אופן וויאזוי מ'זאל עס טון איז מ'זאל עס זאגן אויף ספעציפישע עסן.

**Speaker 2:** ניין, אבער איבער דעם וואס דו האסט עס געמאכט צו ספעציפיש, האסטו נישט גערעדט וועגן די עסן בכלל.

**Speaker 1:** ניין, אבער אפילו ווען דו האסט געזאגט ספעציפיש, האסטו נישט געמיינט... איך האב געמאכט מיט'ן אייבערשטן "בורא פרי האדמה". איך האב גערעדט מיט'ן אייבערשטן וועגן טאמעיטאס, און ממילא קען איך נישט עסן פאטעיטאס?

**Speaker 2:** ניין, איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אויף עסן.

**Speaker 1:** ניין, דו פארשטייסט נישט די נקודה. ס'איז דא א תקנה אז מ'זאל דערמאנען די געוויסע מיני עסן.

**Speaker 2:** נישט ריכטיג, נישט ריכטיג. אזוי זאג איך. אזוי זאג איך. אז יא, די עיקר עסן וואס איך וויל יעצט עסן איז דאך די טאמעיטא, אז די אנדערע איז אויך גוט. אבער פוטר איז די שטאט אז ס'האט גע'פטר'ט. די ברכה גייט דאך אויף יענץ.

**Speaker 1:** לייג עס אויס. אויב דו וואלסט געמאכט די מער כללות'דיגע ברכה, וואלסטו געווען גערעכט. אויב דו מאכסט די מער פרטות'דיגע ברכה, איז נישטא קיין וועג צו לערנען דיין פשט.

**Speaker 2:** לאמיר זאגן אז ס'איז נישט מעכב. ס'וואלט נישט געווען מעכב צו מאכן די מער כללות'דיגע.

**Speaker 1:** אמת. אבער יעצט אז דו האסט יא געטון, האסטו נישט קיין וועג וויאזוי ס'זאל גיין די בקשת רשות, וואס דו ווילסט עס רופן, אויף די...

**Speaker 2:** דו מיינסט צו זאגן אז די שהכל איז טאקע נישט די ברכה, ס'איז דאך פשוט...

**Speaker 1:** ניין, איך זאג אז דו האסט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די עסן.

**Speaker 2:** ניין, דו האסט נישט געדאנקט. דו האסט גערעדט וועגן... דו האסט דערמאנט די סוג פון עסן. דו האסט געזאגט "וועדזשטעבל", און דו האסט געזאגט "קענדי". וואס קומט אריין די קענדי מיט די וועדזשטעבל?

**משל פון קענדי און עפל**

**Speaker 2:** איך גיי צו דיין טאטן אין דער היים, און ער לאזט נישט נעמען פון די שאנק אן רשות. איך זאג אים, "איך קען נעמען א קענדי?" און איך נעם אן עפל. ס'האט נישט קיין שייכות. אויב איך וואלט געזאגט, "איך קען נעמען צו עסן?", וואלסטו געווען גערעכט. אבער איך האב געזאגט, "איך נעם א קענדי". דארף איך קענען זאגן, "טאטי, אוודאי האב איך געמיינט צו נעמען א הערינג, און מיט הערינג קומט דאך קרעקערס. האסטו דאך אוודאי דאס געמיינט."

**Speaker 1:** אקעי, נו פראבלעם.

**דער חילוק צווישן כללות און פרטות אין ברכות**

**Speaker 1:** ס'איז טאקע אביסל אינטערעסאנט, איך מיין, ווייל ווען דער רמב"ם וואלט געמאכט ברכות, וואלט ער ריפלעיסט גאנץ הלכות ברכות מיט איין ברכה. מ'דארף נישט יעצט שפעקולירן.

**Speaker 2:** ניין, איך זאג אז ס'איז דא עפעס א שיינקייט פון מאכן א ברכה אויף יעדע מין עקסטער. אבער דאס וואס ס'ברענגט אריין אז מ'זאל נישט זיין עפעס אן אופן פון... דאס איז טאקע בעצם שהכל. שהכל איז טאקע די ברכה כללות. אבער יעצט רעדט מען דאך פון די ברכה פרטות. די חידוש איז דאך אז די פרטות קען פטר'ן אן אנדערע פרטות, נישט אז די כללות קען פטר'ן די פרטות. דאס איז פשוט, אמת.

